בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

גִּלְיוֹן
# שִׁיעוּרֵי חִינּוּךְ
אִידִישׁ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת

מוסדות היכל הקודש ברסלב

גליון קס"ב

פרשת פנחס
שנת תשפ"ו

## שִׁיעוּרִים אִין חִינּוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

## - דֶער בַּאגְרִיף פוּן אַ קִינְד -

### קִינְדֶער ווילְן נִישְׁט לֶערְנֶען

טַייעֶרע מְחַנְּכִים, גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר קֶענֶען אַרַיינְכַאפְּן גוּטֶע זַאכְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן מִיר קֶענֶען לֶערְנֶען תּוֹרָה מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

עֶס שְׁטֵייט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים, סִימָן ערה, סְעִיף א), אַז שַׁבָּת טָאר מֶען נִישְׁט לֵיינֶען אָדֶער לֶערְנֶען פָּארְנְט פוּן לֶעכְט. [אַמָאל, וֶוען דִי וֶועלְט אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען אַזוֹי פָארְגֶעשְׁרִיטְן, אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין עֶלֶעקְטְרִיק, הָאט מֶען נָאר גֶעקֶענְט לֶערְנֶען בַּיינַאכְט אוֹיבּ מֶען הָאט גֶעהַאט אַ לֶעכְט]. פַארְוָואס טָאר מֶען נִישְׁט לֶערְנֶען פַאר אַ לֶעכְט? וַוייל מֶען הָאט מוֹרָא אַז דָאס לֶעכְט וֶועט זִיךְ אָנְהֵייבְּן צוּ פַארְלֶעשְׁן, אוּן אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט הַאלְטְן אִינְמִיטְן לֶערְנֶען נֶעבְּן דֶעם לֶעכְט, וֶועט עֶר פַארְגֶעסְן אַז הַיינְט אִיז שַׁבָּת אוּן עֶר וֶועט צוּבֵּייגְן דֶעם קְנוֹיט צוּ דִי אוֹיל, אוּן עֶר וֶועט חַס וְשָׁלוֹם עוֹבֵר זַיין אוֹיף חִלּוּל שַׁבָּת.

עֶס שְׁטֵייט אָבֶער וַוייטֶער אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (שָׁם, סְעִיף ו) אַז 'תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן' - קִינְדֶער וָואס לֶערְנֶען שַׁבָּת מִיט זֵייעֶר מְלַמֵּד, אַזוֹי וִוי עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען דֶער סֵדֶר אַז שַׁבָּת אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען חֵדֶר - מֶעגְן יָא לֶערְנֶען פַאר אַ לֶעכְט. פַארְוָואס? וִויבַּאלְד זֵיי הָאבְּן מוֹרָא פוּן זֵייעֶר מְלַמֵּד, וֶועלְן זֵיי נִישְׁט צוּקוּמֶען אָנְצוּרִירְן דָאס לֶעכְט.

אִין תַּלְמוּד יְרוּשַׁלְמִי שְׁטֵייט אַן אַנְדֶערֶער טַעַם (שַׁבָּת ח:): וַוייל קִינְדֶער ווילְן דָאךְ נִישְׁט לֶערְנֶען, דֶערְפַאר דַארְף מֶען נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן אַז דִי קִינְדֶער וֶועלְן צוּבֵּייגְן דָאס לֶעכְט, וִויבַּאלְד זֵיי וַוארְטְן דָאךְ קוֹים אַז דָאס לֶעכְט זָאל זִיךְ אוֹיסְלֶעשְׁן.

מֶען זֶעט פוּנֶעם תַּלְמוּד יְרוּשַׁלְמִי אַז דִי סִיבָּה פַארְוָואס קִינְדֶער קוּמֶען אִין אַ מוֹסָד, אִיז נִישְׁט וַוייל זֵיי 'ווילְן' לֶערְנֶען, נָאר וַוייל דִי מַאמֶע הָאט זֵיי גֶעהֵייסְן: **"גֵיי אִין חֵדֶר"**, **"גֵיי אִין שוּלֶע"**, אוּן זִי הָאט זֵיי אַרוֹיפְגֶעלֵייגְט אוֹיפְן בָּאס; דָאס אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע סִיבָּה פַארְוָואס קִינְדֶער קוּמֶען אִין אַ מוֹסָד.

### דֶער נַאטוּר פוּן אַ גֶעזוּנְט קִינְד

וֶוען אַ מְחַנֵּךְ וִויל זִיךְ אָפְּרֶעדְן אַז דִי קִינְדֶער הַאלְטְן בַּיי גָארְנִישְׁט, זֵיי הַאלְטְן נִישְׁט בַּיים לֶערְנֶען, זָאל עֶר וִויסְן אַז דָאס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין חִסָּרוֹן, דָאס אִיז אַ מְפֹרָשׁ'ֶע תַּלְמִיד יְרוּשַׁלְמִי.

דֶער נַאטוּר פוּן אַ גֶעזוּנְט קִינְד אִיז אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין כֹּחַ אוּן נִישְׁט קַיין חֵשֶׁק צוּ לֶערְנֶען, אוּן אוּנְזֶער אַרְבֶּעט אִיז זֵיי צוּ מַאכְן לֶערְנֶען דוּרְךְ אַלֶע סָארְט פַאטֶענְטְן.

מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט דֶערְצֵיילְן בַּיי דִי שִׁיעוּרִים פוּן זַיינֶע קִינְדֶערִישֶׁע יָארְן, אַז עֶר הָאט גֶעהַאט אַן אַלְטְן מְלַמֵּד וָואס זַיינֶע פִינְגֶער זֶענֶען שׁוֹין גֶעוֶוען אַבִּיסְל פַארְטֵייבְּט, אוּן עֶר הָאט שׁוֹין נִישְׁט אַזוֹי גוּט גֶעשְׁפִּירְט וָואס עֶר כַאפְּט אָן. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעזָאגְט: **"אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאלְטְן בַּיים לֶערְנֶען; וִויפִיל מֶען הָאט מִיךְ גֶעצִיפְּט אוּן גֶעשְׁלָאגְן, הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעוָואלְט לֶערְנֶען, בִּיז אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים 'הִשְׁתַּפְּכוּת הַנֶּפֶשׁ' אוּן 'מְשִׁיבַת נֶפֶשׁ', וָואס דָאס הָאט מִיךְ גֶעמַאכְט אָנְהֵייבְּן לֶערְנֶען. וֶוען מַיין מְלַמֵּד פְלֶעגְט מִיךְ וֶועלְן צִיפְּן, פְלֶעג אִיךְ זִיכֶער מַאכְן אַז עֶר זָאל צִיפְּן מַיין הוֹיזְן אוּן נִישְׁט מַיין פְלֵייש, אוּן אִיךְ פְלֶעג שְׁרֵייעֶן כְּאִילוּ עֶס טוּט מִיךְ וֵויי, בְּשַׁעַת דֶער מְלַמֵּד הָאט נִישְׁט גֶעכַאפְּט אַז עֶר צִיפְּט בְּלוֹיז דִי הוֹיזְן..."**

וֶוען מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט דָאס דֶערְצֵיילְן, פְלֶעג אִיךְ אַלְץ טְרַאכְטְן: 'מוֹהֲרָא"שׁ זִיצְט דָאךְ פַאר אַ גַאנְצֶע שוּל מִיט מֶענְטְשְׁן וָואס הֶערְן אִים אוֹיס, וִוי אַזוֹי קֶען זַיין אַז מוֹהֲרָא"שׁ שֶׁעמְט זִיךְ נִישְׁט מוֹדֶה צוּ זַיין אַז וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ קִינְד הָאט עֶר נִישְׁט גֶעהַאלְטְן בַּיים לֶערְנֶען?' אָבֶער שְׁפֶּעטֶער הָאבּ אִיךְ פַארְשְׁטַאנֶען אַז דָאס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין בּוּשָׁה, וַוייל דָאס זֶענֶען דָאךְ בֶּאֱמֶת קִינְדֶער! גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער הַאלְטְן נִישְׁט בַּיים לֶערְנֶען, זֵיי ווילְן זִיךְ גֵיין שְׁפִּילְן, זֵיי וַוארְטְן קוֹים וֶוען זֵיי וֶועלְן שׁוֹין קֶענֶען אַרוֹיסְגֵיין פוּן כִּתָּה, אוּן דִי אַרְבֶּעט פוּן מְחַנְּכִים אִיז זֵיי צוּ מַאכְן לֶערְנֶען.

### נִישְׁט נֶעמֶען פֶּערְזֶענְלִיךְ אַ שְׁמֵייכְל

טַייעֶרֶע מְחַנְּכִים: נֶעמְט עֶס נִישְׁט אָן פֶּערְזֶענְלִיךְ וֶוען אַ קִינְד מַאכְט אַ שְׁמֵייכְל, אַ תְּנוּעָה, אַ פַּאקְס, אָדֶער שָׁאקְלְט מִיט דִי אַקְסְלֶען כְּאִילוּ עֶס גֵייט אִים נִישְׁט אָן. מֵיינְט נִישְׁט אַז 'דָאס קִינְד וִויל מִיךְ אוֹיסְרַייסְן', 'דָאס קִינְד וִויל מִיךְ שְׁטֶערְן' אָדֶער 'דָאס קִינְד וִויל מִיךְ אַרוֹיסְטְרָאגְן פוּן דָא'. גֶעדֶענְקְט: קַיין אֵיין קִינְד אִיז נִישְׁט דַיין שׂוֹנֵא, עֶס אִיז בְּלוֹיז אַ קִינְד, דָאס אִיז זַיין נַאטוּר אוּן דִי שְׁוַואכְקֵייט פוּן אַ קִינְד. דָאס אִיז דֶער נַאטוּר פוּן קִינְדֶער, אַז וֶוען מֶען זָאגְט זֵיי עֶפֶּעס, אַנְשְׁטָאט זֵיי זָאלְן עֶס אָנְנֶעמֶען אוֹיף דִי גֶעזוּנְטֶע וֶועג, הֵייבְּן זֵיי אָן צוּ לַאכְן.

גֶעבְּט אַ גְלֶעט פַארְן קִינְד אוּן זָאגְט אִים: **"דוּ בִּיסְט זֵייעֶר אַ ווּאוֹיל קִינְד, אִיךְ גֵיי זָאגְן פַאר דַיינֶע עֶלְטֶערְן וִוי ווּאוֹיל דוּ בִּיסְט"**, **"דוּ בִּיסְט אוֹיסְנַאם פֵיין"**. אֵיי, עֶר הָאט דָאךְ גֶעלַאכְט פוּן מִיר?! דַארְף מֶען אָבֶער וִויסְן אַז עֶר אִיז נָאר אַ קִינְד, אוּן מֶען דַארְף אִים פָּשׁוּט אוֹיסְלֶערְנֶען וִוי אַזוֹי זִיךְ אוֹיפְצוּפִירְן ווּאוֹיל.

מֶען קֶען נִישְׁט זַיין קַיין מְחַנֵּךְ אוֹיבּ מֶען נֶעמְט עֶס פֶּערְזֶענְלִיךְ וֶוען אַ קִינְד שְׁמֵייכְלְט בְּשַׁעַת מֶען זָאגְט אִים וָואס צוּ טוּן.

מְחַנְּכִים דַארְפְן פַארְשְׁטֵיין דֶעם כְּלַל: 'קִינְדֶער קוּמֶען נִישְׁט זִיךְ קְרִיגְן מִיט מִיר'. אוֹיבּ מֶען כַאפְּט נִישְׁט אוֹיף דֶעם יְסוֹד, קֶען מֶען אָפְּטְמָאל אַרַיינְגֵיין אִין אַ פֶּערְזֶענְלִיכֶע קְרִיגֶערֵיי מִיט דִי קִינְדֶער, אוּן אַנְשְׁטָאט אוֹיפְטוּן, קֶען מֶען חַס וְשָׁלוֹם נָאר עֶרְגֶער

מַאכְן.

מֶען דַארְף זִיךְ אוּמְגֵיין מִיט דִי קִינְדֶער מִיט רַחְמָנוּת, מִיט הַארְץ אוּן מִיט תְּפִילָה. גֶעדֶענְקְט: בְּאֱמֶת מֵיינְט אַ קִינְד גָארְנִישְׁט שְׁלֶעכְט, עֶר מֵיינְט נִישְׁט קַיין חוּצְפָּה. אוֹיבּ אַ קִינְד הָאט גֶעלַאכְט - הָאט עֶר גֶעלַאכְט; דָאס זֶענֶען דָאךְ קִינְדֶער, וִוי קוּמְט דָא אַרַיין פֶּעטְשׁ?! זַיין שְׁמֵייכְל קוּמְט פָּשׁוּט וַוייל עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וִוי אַזוֹי צוּ נֶעמֶען דֶעם פַּאקְט אַז מֶען הֵייסְט אִים עֶפֶּעס טוּן, אוּן עֶר הָאט מוֹרָא אַז אֶפְשָׁר וֶועט מֶען קוּקְן אוֹיף אִים.

עֶס אִיז טַאקֶע כְּדַאי אַמָאל צוּ מַאכְן אַ שְׁמוּעֶס אִין כִּתָּה אִיבֶּער דֶעם נוֹשֵׂא; מֶען זָאל אוֹיסְלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט וֶוען מֶען זָאגְט אֵיינֶעם וָואס צוּ טוּן, אוּן מֶען מֶעג זָאגְן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן.

לָאמִיר זִיךְ דֶערְמַאנֶען וִוי אַזוֹי מִיר זֶענֶען גֶעוֶוען אַלְס קִינְדֶער, מִיר הָאבְּן אוֹיךְ גֶעלַאכְט אוּן זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְגֶעפִירְט גוּט. וֶוען אַ מְחַנֵּךְ ווִיל זִיךְ אוֹיסְדְרוּקְן: **"דָאס קִינְד אִיז גֶעפֶערְלִיךְ"**, זָאל עֶר צוּלֵייגְן עֶטְלִיכֶע וֶוערְטֶער: **"דָאס קִינְד אִיז גֶעפֶערְלִיךְ - עֶר אִיז מַמָּשׁ אַזוֹי וִוי אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַלְס קִינְד..."**

## פַארְשְׁטֵיין דֶער בַּאגְרִיף פוּן אַ קִינְד

גֶעלוֹיבְּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ הָאבּ אַ שְׁטוּבּ מִיט קִינְדֶער; אִיךְ בֶּעט אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל הָאבְּן דֶעם רִיכְטִיגְן וֶועג וִוי אַזוֹי זִיךְ אוּמְצוּגֵיין מִיט יֶעדְן קִינְד בַּאזוּנְדֶער.

אֵיינֶער פוּן מַיינֶע קִינְדֶער פְלֶעגְט זִיךְ אוּנְטֶער לַאכְן הוֹיךְ אוֹיפְן קוֹל אוֹיבּ אִיךְ הָאבּ אִים גֶעגֶעבְּן אַ פְּסַק. אִיךְ טְרַאכְט צוּ מִיר: וָואס וָואלְט אִיךְ גֶעטוּן מִיט דֶעם קִינְד וֶוען אִיךְ וֵוייס נִישְׁט אַז דָאס אִיז אַ נָארְמַאלֶע זַאךְ בַּיי קִינְדֶער? מִן הַסְתָּם וָואלְט אִיךְ אִים דֶערְלַאנְגְט אַ פְרַאסְק פַארְן לַאכְן, אוּן אוֹיבּ עֶר וָואלְט וַוייטֶער גֶעלַאכְט אוּן זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: **"עֶס טוּט מִיךְ נִישְׁט וֵויי"**, וָואלְט אִיךְ אִים גֶעגֶעבְּן נָאךְ אַ פְרַאסְק אוּן נָאךְ אַ פְרַאסְק, בִּיז דְרַייסִיג פֶּעטְשׁ - וָואס דֶעמָאלְט וָואלְט עֶר שׁוֹין אוֹיסְגֶעפְּלַאצְט אִין אַ גֶעוֵויין, אוּן אִיךְ וָואלְט שׁוֹין גֶעטְרַאכְט: 'אוֹי, עֶס אִיז שׁוֹין טַאקֶע גֶעוֶוען אַבִּיסְל צוּפִיל...'

בָּרוּךְ הַשֵּׁם, אִיךְ זִיץ שׁוֹין צְוָואנְצִיג יָאר מִיט קִינְדֶער אוּן בָּחוּרִים, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן אַז שׁוֹין גְלַייךְ אִינֶעם עֶרְשְׁטְן יָאר פוּן מַיין מְלוּמְדוּת הָאבּ אִיךְ פַארְשְׁטַאנֶען דֶעם בַּאגְרִיף פוּן קִינְדֶער. עֶס זֶענֶען דָא קִינְדֶער וָואס זֵייעֶר נַאטוּר אִיז, אַז וֶוען מֶען גֶעבְּט זֵיי אַ פְּסַק אָדֶער מֶען זָאגְט זֵיי עֶפֶּעס וָואס זֵיי דַארְפְן פַארְעֶכְטְן, לַאכְן זֵיי זִיךְ אוּנְטֶער: **"הַא, הַא, הַא, עֶס גֵייט מִיךְ נִישְׁט אָן..."** - אָבֶּער דָאס אִיז גָארְנִישְׁט, עֶס אִיז אֲפִילוּ נִישְׁט קַיין חוּצְפָּה; דָאס קִינְד טוּט עֶס בְּלוֹיז וַוייל עֶר אִיז זֵייעֶר שֶׁעמֶעדִיג. עֶר הָאט מוֹרָא: 'וָואס וֶועט מֶען טְרַאכְטְן אוֹיף מִיר? יֶעדֶער הָאט דָאךְ גֶעזֶען וִוי מֶען הָאט מִיךְ פָארְגֶעהַאלְטְן', דֶערְפַאר רוּפְט עֶר זִיךְ עֶפֶּעס אָן צוּ וַוייזְן אַז עֶכְט שְׁטֶערְט עֶס אִים נִישְׁט, אָבֶּער בֶּאֱמֶת וֵוייסְט דָאס קִינְד גָאר גוּט אַז עֶר דַארְף זִיךְ פַארְעֶכְטְן.

אִיךְ טְרַאכְט צוּרִיק צוּ מַיינֶע קִינְדֶער יָארְן אוּן אִיךְ דֶערְמַאן זִיךְ אַז אִיךְ פְלֶעג אוֹיךְ לַאכְן וֶוען מֶען הָאט מִיר עֶפֶּעס גֶעזָאגְט, דֶערִיבֶּער וֶוען אִיךְ זֶע אַ קִינְד לַאכְט זִיךְ אוּנְטֶער פוּן מִיר, וֵוייס אִיךְ אַז דָאס זֶענֶען קִינְדֶער אוּן עֶס מֵיינְט גָארְנִישְׁט.

## אַ גֶעצֶערְטְלְט קִינְד

יָארְן צוּרִיק וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ מְלַמֵּד, פְלֶעג אִיךְ נָאר זַיין מְלַמֵּד פַארְמִיטָאג; אַזוֹי וִוי דֶער סֵדֶר אִיז אִין דִי שׁוּלֶעס, אַז יֶעדֶע לֶערֶערִין אַרְבֶּעט נָאר אַ הַאלְבֶּע טָאג. אִיךְ בִּין גֶעוֶוען דֶער פַארְמִיטָאג מְלַמֵּד, אוּן נָאכְמִיטָאג אִיז גֶעוֶוען אַן אַנְדֶערֶער מְלַמֵּד וָואס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אִין מְלוּמְדוּת דְרַייסִיג פֶערְצִיג יָאר.

אִין מַיין צְוֵוייטֶע יָאר אַלְס מְלַמֵּד הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט אַ קִינְד אִין כִּתָּה וָואס בַּיי מִיר אִיז עֶר גֶעוֶוען זֵייעֶר ווָאוֹיל, אָבֶּער בַּיים נָאכְמִיטָאג מְלַמֵּד אִיז עֶפֶּעס פָארְגֶעגַאנְגֶען; דֶער מְלַמֵּד הָאט זִיךְ גֶעמוּטְשֶׁעט מִיט אִים יֶעדְן טָאג, עֶר פְלֶעגְט אָנְרוּפְן זַיין טַאטֶע אוּן זַיין זֵיידֶע, עֶר הָאט אִים יֶעדְן טָאג אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן פוּן כִּתָּה אוּן צוּרִיק אַרַיינְגֶעוָוארְפְן...

אֵיין טָאג פְרֶעג אִיךְ דֶעם נָאכְמִיטָאג מְלַמֵּד: **"וָואס גֵייט פָאר מִיט דֶעם קִינְד? בַּיי מִיר אִיז עֶר דָאךְ דֶער בֶּעסְטֶער קִינְד אִין כִּתָּה!"** זָאגְט עֶר מִיר: **"דֶער קִינְד הָאט לִיבּ צוּ שָׁאקְלֶען זַיין בֶּענְקְל אִינְמִיטְן לֶערְנֶען, אוּן וֶוען אִיךְ זָאג אִים עֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט שָׁאקְלֶען, מַאכְט עֶר אַ תְּנוּעָה וִוי עֶר רֶעגְט זִיךְ אוֹיף, דֶערְפַאר הַאלְט אִיךְ אַז מֶען טָאר עֶס נִישְׁט צוּלָאזְן וַוייל דָאס אִיז חוּצְפָּה"**.

הָאבּ אִיךְ מַסְבִּיר גֶעוֶוען פַארְן מְלַמֵּד אַז דָאס קִינְד אִיז נִישְׁט שְׁלֶעכְט, עֶר אִיז פָּשׁוּט גֶעצֶערְטְלְט (מְפֻנָּק) אִינְדֶערְהֵיים אוּן עֶר אִיז נִישְׁט גֶעוואוֹינְט אַז מֶען זָאגְט אִים וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן. דֶערִיבֶּער פַּאסְט אִים נִישְׁט וֶוען מֶען זָאגְט אִים עֶפֶּעס בָּרַבִּים, אוּן עֶר מוּז מַאכְן אַזַא תְּנוּעָה וִוי עֶר רֶעגְט זִיךְ, אָבֶּער עֶכְט מֵיינְט עֶר גָארְנִישְׁט דֶערְמִיט. וֶוען אִיךְ בִּין אִין כִּתָּה שָׁאקְלְט עֶר אוֹיךְ זַיין בֶּענְקְל, אוּן אִיךְ זָאג אִים: **"מֶען קֶען זִיךְ יֶעצְט נִישְׁט שָׁאקְלֶען, זִיץ שֵׁיין אוֹיפְן בֶּענְקְל!"** אַזוֹי אוֹיךְ אוֹיבּ עֶר רֶעדְט אִינְמִיטְן לֶערְנֶען, זָאג אִיךְ אִים: **"רֶעד נִישְׁט אִינְמִיטְן לֶערְנֶען!"** עֶר מַאכְט טַאקֶע דֶעם זֶעלְבְּן תְּנוּעָה, אָבֶּער אִיךְ נֶעם עֶס נִישְׁט פֶּערְזֶענְלִיךְ; אִיךְ וֵוייס אַז עֶר אִיז אַ טֵייעֶר קִינְד, נָאר עֶס אִיז אִים פָּשׁוּט זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ הֶערְן קְרִיטִיק.

## עֵצוֹת אוֹיפְצוּהֵייבְּן דָאס דַאוֶונֶען אִין כִּתָּה

מְחַנְּכִים פְרֶעגְן: וִוי אַזוֹי קֶען מֶען אוֹיפְהֵייבְּן דָאס דַאוֶונֶען אִין כִּתָּה?

דֶער עֶנְטְפֶער אִיז: מֶען זָאל לֶערְנֶען דִי 'פֵּירוּשׁ הַמִּילוֹת' פוּנֶעם דַאוֶונֶען. קִינְדֶער פַארְשְׁטֵייעֶן נָאכְנִישְׁט דָאס חֲשִׁיבוּת פוּן דַאוֶונֶען, וַוייל זֵיי פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט וָואס זֵיי זָאגְן; אוֹיבּ דָאס דַאוֶונֶען וָואלְט גֶעוֶוען 'אִידִישֶׁע תְּפִלּוֹת', וָואלְטְן אַלֶע שֵׁיין מִיטְגֶעדַאוֶונְט. דֶערְפַאר אִיז כְּדַאי צוּ לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער דֶעם טַייטְשׁ פוּנֶעם דַאוֶונֶען.

נָאךְ אַן עֵצָה אִיז דָא: מֶען זָאל יֶעדְן טָאג פַארְן דַאוֶונֶען גֶעבְּן אַ שְׁמוּעֶס פוּן דְרֵיי פִיר מִינוּט אִיבֶּער דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דַאוֶונֶען.

מֶען זָאל זָאגְן פַאר דִי קִינְדֶער: "שְׁטֶעלְט זִיךְ פָאר, מִיר קֶענֶען יֶעצְט גֵיין בֶּעטְן פוּן דִי פָּאלִיצֵיי אַלֶעס וָואס מִיר ווִילְן, אוּן זֵיי וֶועלְן אוּנְז אַלֶעס נָאכְגֶעבְּן, וָואלְט דָאךְ יֶעדֶער גֶעגַאנְגֶען אוּן גֶעבֶּעטְן שֵׁיין: 'אֶפְשָׁר זָאלְט אִיר מֶער נִישְׁט אָפְּשְׁטֶעלְן מַיין טַאטְנְ'ס קַאר?' 'אֶפְשָׁר זָאלְט אִיר אִים מֶער נִישְׁט גֶעבְּן קַיין טִיקֶעטְס?'

שְׁטֶעלְט זִיךְ פָאר, מֶען וָואלְט אוּנְז גֶעגֶעבְּן רְשׁוּת צוּ גֵיין אִין גֶערִיכְט הוֹיז אוּן בֶּעטְן פוּנֶעם שׁוֹפֵט - מִיט זַיין שְׁוַוארְצְן כַאלַאט אוּן דֶעם הַאמֶער - אַלֶעס וָואס מֶען ווִיל, אוּן זֵיי וָואלְטְן עֶס נָאכְגֶעגֶעבְּן; וָואלְט דָאךְ יֶעדֶער גֶעקוּמֶען אוּן שֵׁיין גֶעבֶּעטְן: 'אֶפְשָׁר ווִילְט אִיר לָאזְן אוּנְזֶער טַאטֶע בּוֹיעֶן אַ הוֹיז?' 'אֶפְשָׁר ווִילְט אִיר טוֹישְׁן דִי רֶעגוּלַאצְיֶעס מֶען זָאל קֶענֶען בּוֹיעֶן מֶער הַייזֶער אוֹיף יֶענֶע גַאס?'

שְׁטֶעלְט זִיךְ פָאר, מֶען וָואלְט יֶעצְט גֶעקֶענְט פָארְן קַיין וַואשִׁינְגְטָאן צוּם הוֹיז פוּנֶעם פְּרֶעזִידֶענְט, מֶען וָואלְט גֶעקֶענְט אַרַיינְגֵיין צוּם פְּרֶעזִידֶענְט אוּן בַּאקוּמֶען אַלֶעס וָואס מֶען בֶּעט; יֶעדֶער וָואלְט דָאךְ אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ אוּן שֵׁיין גֶעבֶּעטְן: 'אֶפְשָׁר ווִיל דֶער פְּרֶעזִידֶענְט בַּאפְרֵייעֶן יֶענֶעם אִיד פוּן תְּפִיסָה?' דָאס גֵייעֶן מִיר יֶעצְט טוּן, מִיר גֵייעֶן יֶעצְט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן! אֲפִילוּ מַלְאָכִים קֶענֶען נָאר לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אֵיין מָאל אִין זֵייעֶר עֶקְזִיסְטֶענְץ, זֵיי הָאבְּן בְּלוֹיז 'אֵיין שַׁאנְס' צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער מִיר אִידְן קֶענֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן אֵיינְצִיגְן טָאג".

## אַ שְׁלֶעכְט קִינְד פַארְן נִישְׁט דַאוֶונֶען?

מֶען טָאר אָבֶּער נִישְׁט וֶוערְן גֶערֶעגְט אוֹיף קִינְדֶער וָואס דַאוֶונֶען נִישְׁט, וַוייל דָאס זֶענֶען דָאךְ קִינְדֶער; קִינְדֶער הָאבְּן נָאכְנִישְׁט קַיין גֶעפִיל אִין דַאוֶונֶען. אַ קִינְד וָואס דַאוֶונְט נִישְׁט וֶוערְט נִישְׁט קַיין 'שְׁלֶעכְט' קִינְד; זֵיי פַארְשְׁטֵייעֶן פָּשׁוּט נָאכְנִישְׁט וָואס דַאוֶונֶען מֵיינְט. אִיךְ גֶעדֶענְק וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ קִינְד הָאבּ אִיךְ אוֹיךְ נִישְׁט גֶעוָואלְט דַאוֶונֶען; בַּיי דִי

דְרַייסִיג פֶערְצִיג יָאר װעלְן זֵיי שׁוֹין װיסְן װָאס דַאװֶוענֶען מֵיינְט.

עֶס מֵיינְט אָבֶּער נִישְׁט אַז מֶען קֶען יֶעצְט לָאזְן דִי כִּתָּה אוֹיף הֶפְקֵר אוּן נִישְׁט פַארְלַאנְגֶען פוּן דִי קִינְדֶער צוּ דַאװֶוענֶען, אוֹיסְדְרִיקְלִיךְ נִישְׁט!

עֶס מוּז זַיין דִיסְצִיפְּלִין; מֶען דַארְף זָאגְן פַאר דִי קִינְדֶער: **"יֶעצְט נֶעמְט מֶען אַרוֹיס דִי סִדּוּרִים, מֶען גֵייט יֶעצְט דַאװֶוענֶען!"** מֶען דַארְף מְחַנֵךְ זַיין קִינְדֶער װִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, אָבֶּער אוֹיבּ עֶס זֶענֶען דָא קִינְדֶער װָאס דַאװֶוענֶען נִישְׁט מִיט, אָדֶער אוֹיבּ אַ קִינְד מַאכְט תְּנוּעוֹת אוּן לַאכְט זִיךְ אוּנְטֶער פוּנֶעם מְחַנֵךְ, אָדֶער מֶען טְרֶעפְט אַ קִינְד װָאס בַּאהַאלְט זִיךְ מִיט אַ צְוֵייטְן אוּן שְׁפִּילְט זִיךְ נִישְׁט אֵיידְל - װֶערְט עֶר נִישְׁט יֶעצְט קַיין פַארְדָארְבְּן קִינְד, אָדֶער אַ גֶעפֶערְלִיךְ שְׁלֶעכְט קִינְד; עֶר אִיז פָּשׁוּט קִינְדֶערִישׁ אוּן פַארְשְׁפִּילְט. מֶען דַארְף גֶעדֶענְקֶען אַז דָאס אִיז דֶער בַּאגְרִיף װָאס הֵייסְט 'אַ קִינְד'.

מֶען דַארְף זִיךְ אוֹיסְלֶערְנֶען דִי צְוֵויי זַייטְן: פוּן אֵיין זַייט, דַארְף מֶען מְחַנֵךְ זַיין אוּן זָאגְן װָאס צוּ טוּן, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען אַז אֲפִילוּ װֶען אַ קִינְד טוּט נִישְׁט װָאס מֶען דַארְף, װֶערְט עֶר נָאכְנִישְׁט 'מַמָּשׁ גֶעפֶערְלִיךְ'...

## וִוי אַזוֹי צוּ לֶערְנֶען אִין וַואלְד

מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט אִין דִי 'זוּמֶער װָאכְן' װֶען אִין אַסַאךְ פְּלֶעצֶער לֶערְנְט מֶען מִיט דִי קִינְדֶער אִין וַואלְד. אַסַאךְ מְחַנְּכִים מוּטְשֶׁען זִיךְ זֵייעֶר בַּיים לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער דָארְט. אָבֶּער מֶען דַארְף װִיסְן אַז אַלֶע יָארְן הָאט מֶען אַזוֹי גֶעלֶערְנְט דוּרְכְאוֹיס דִי זוּמֶער װָאכְן.

װֶען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ קִינְד, הָאבּ אִיךְ גֶעלֶערְנְט אִין דִי סַאטְמֶערֶ'ע אִינְגְל קֶעמְפּ. דָארְט זֶענֶען גֶעוֶוען עֶטְלִיכֶע טוֹיזְנְט קִינְדֶער, אוּן מִיר הָאבְּן אַלֶע גֶעלֶערְנְט אִינְדְרוֹיסְן אִין וַואלְד. עֶס זֶענֶען נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין כִּיתּוֹת, נָאר מֶען הָאט אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט טִישְׁן אוּן בֶּענְק צְוִוישְׁן דִי בֵּיימֶער, אוּן אַזוֹי הָאט מֶען גֶעלֶערְנְט.

װֶען עֶס פְלֶעגְט רֶעגְנֶען, זֶענֶען אַלֶע קִינְדֶער אַרַיינְגֶעלָאפְן אִין אַ רִיזִיגֶע שׁוּל, אוּן דָארְט הָאט מֶען וַוייטֶער גֶעלֶערְנְט. אֵיין פְּרָאבְּלֶעם אִיז אָבֶּער גֶעוֶוען, אַז קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעזָאגְט פַאר דִי מְלַמְּדִים אַז מֶען קֶען 'רֶעדְן' צוּ קִינְדֶער; גֶעוִויסֶע מְלַמְּדִים פְלֶעגְן שְׁטֵיין מִיט וֵוייעְרְס אוּן שְׁמַייסְן דִי קִינְדֶער כְּדֵי צוּ מַאכְן סֵדֶר... דִי אֵיין זַאךְ טָאר מֶען נִישְׁט טוּן: שְׁלָאגְט נִישְׁט קַיין קִינְדֶער, רֶעדְט צוּ זֵיי שֵׁיין.

דֶערְפַאר זָאלְט אִיר - אִין פַאל פוּן אַ רֶעגְן - נֶעמֶען דִי קִינְדֶער אוּנְטֶער אַ דַאךְ זִיךְ צוּ בַּאשִׁיצְן פוּנֶעם רֶעגְן; אִיר זָאלְט שֵׁיין אַרָאפְּזֶעצְן דִי קִינְדֶער אוּן זֵיי דֶערְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה.

## אוֹיסְלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער כִּיבּוּד אָב וָאֵם

מְחַנְּכִים דַארְפְן אַסַאךְ רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער וֶועגְן פָאלְגְן אוּן מְכַבֵּד זַיין טַאטֶע מַאמֶע.

אִיךְ הָאבּ שׁוֹין צוּרִיק גֶעהֶערְט פוּן אַסַאךְ מִשְׁפָּחוֹת אַז זֵייעֶרֶע קִינְדֶער הָאבְּן זִיךְ אִינְגַאנְצְן גֶעטוֹישְׁט דוּרְכְאוֹיס דִי פָּאר 'זוּמֶער װָאכְן' װָאס זֵיי הָאבְּן גֶעלֶערְנְט בַּיי גוּטֶע מְחַנְּכִים, װֶעלְכֶע הָאבְּן אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין זֵיי דָאס שֵׁיינְקֵייט פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם.

אַסַאךְ קִינְדֶער וֵוייסְן פָּשׁוּט נִישְׁט אַז עֶס אִיז דָא אַזַא זַאךְ וִוי אַ טַאטֶע אוּן אַ מַאמֶע; זֵיי וֵוייסְן נָאר פוּן זִיךְ שְׁפִּילְן מִיט חֲבֵרִים. דֶערְפַאר דַארְף מֶען זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען אַז מֶען טָאר נִישְׁט צוּרִיק עֶנְטְפֶערְן פַאר דִי עֶלְטֶערְן, אוּן מֶען דַארְף רֶעדְן צוּ עֶלְטֶערְן מִיט גְרוֹיס דֶרֶךְ אֶרֶץ.

## מִיט הַאלְטְן וָואס עֶס טוּט זִיךְ אִין כִּתָּה

מְחַנְּכִים דַארְפְן מִיט הַאלְטְן װָאס עֶס טוּט זִיךְ בַּיי זֵיי אִין כִּתָּה. מֶען קֶען נִישְׁט קוּמֶען אִין כִּתָּה בְּלוֹיז כְּדֵי צוּ זָאגְן דֶעם שִׁיעוּר אוּן מֶער נִישְׁט זַיין אִינְטֶערֶעסִירְט. מֶען דַארְף דֶערְשְׁמֶעקְן אוֹיבּ מֶען טְשֶׁעפֶּעט אַ קִינְד, אָדֶער אוֹיבּ מֶען צֶעטְרֶעט אוּן מֶען רוֹדְפְ'ט אַ קִינְד. מֶען דַארְף עֶס נָאכְקוּקְן אִיבֶּעֶרָאל: אִין כִּתָּה, אִין עֶס-זַאל, בַּיים שְׁפִּילְן אוּן אוֹיפְן בָּאס. אוֹיךְ דַארְף מֶען מִיטְהַאלְטְן אוֹיבּ עֶס זֶענֶען דָא קִינְדֶער װָאס בְּרֶענְגֶען אַרַיין נַייעֶ הַשָּׂגוֹת אִין אַנְדֶערֶע קִינְדֶער.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ו): וֶוען מֶען וִויל װִיסְן דֶעם מַהוּת פוּן אַ פְּלַאץ, דַארְף מֶען הֶערְן דִי קַאטָאוֶועס (וִויצְן) פוּנֶעם פְּלַאץ. דָאס מֵיינְט, אַז וֶוען מֶען קוּמְט אַרַיין אִין אַ פְּלַאץ אוּן מֶען הֶערְט דִי וִויצְן װָאס מֶען מַאכְט דָארְט, קֶען מֶען גְלַייךְ װִיסְן װָאס פַאר אַן עוֹלָם דָאס אִיז. דֶערְפַאר דַארְף מֶען מִיט הַאלְטְן דִי שְׁמוּעֶסְן פוּן דִי קִינְדֶער, כְּדֵי צוּ הֶערְן פוּן װָאס מֶען רֶעדְט אוּן פוּן װָאס מֶען לַאכְט; אוֹיבּ מֶען הֶערְט עֶפֶּעס װָאס אִיז נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן, זָאל מֶען עֶס גְלַייךְ אִיבֶּערְגֶעבְּן פַאר דִי הַנְהָלָה.

## צֶעטֵיילְן דֶעם טָאג

אֵיינֶער הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַארְן רֶבִּי'ן: **"עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ דַאוֶוענֶען"**, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן קכא): **"צֶעטֵייל דָאס דַאוֶוענֶען; פַאר דוּ הֵייבְּסְט אָן צוּ דַאוֶוענֶען טְרַאכְט: 'אֶפְשָׁר בִּין אִיךְ אַרָאפְּגֶעקוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט נָאר כְּדֵי מְתַקֵן צוּ זַיין דֶעם חֵלֶק בִּיז בָּרוּךְ שֶׁאָמַר', וֶועסְטוּ זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען צוּ דַאוֶוענֶען בִּיז בָּרוּךְ שֶׁאָמַר מִיט כַּוָונָה. נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ טְרַאכְטְן: 'אֶפְשָׁר בִּין אִיךְ אַרָאפְּגֶעקוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט נָאר כְּדֵי מְתַקֵן צוּ זַיין דֶעם חֵלֶק פוּן בָּרוּךְ שֶׁאָמַר בִּיז וַיְבָרֶךְ דָוִד', וֶועסְטוּ זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען צוּ דַאוֶוענֶען אוֹיךְ דֶעם חֵלֶק מִיט כַּוָונָה. אַזוֹי זָאלְסְטוּ אַ גַאנְצְן צַייט טְרַאכְטְן נָאר פוּן אֵיין שְׁטִיקְל אוֹיפְאַמָאל"**.

דָאס אִיז זֵייעֶר אַ גוּטֶע עֵצָה פַאר מְחַנְּכִים, אָנְשְׁטָאט צוּ טְרַאכְטְן: 'אִיךְ דַארְף אַרְבֶּעטְן אַ גַאנְצֶע װָאךְ', זָאל מֶען בְּלוֹיז טְרַאכְטְן פוּנֶעם הַיינְטִיגְן טָאג, אוּן אֲפִילוּ נָאר פוּן אַ קוּרְצֶע צַייט, מֶען זָאל טְרַאכְטְן: 'הַיינְט וֶועל אִיךְ לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער בִּיז הַפְסָקָה - פוּן נַיין אַזֵייגֶער בִּיז עֶלְף אַזֵייגֶער', אוּן נָאךְ הַפְסָקָה זָאל מֶען וַוייטֶער טְרַאכְטְן: 'אִיךְ גֵיי יֶעצְט אַרַיין צוּ דִי קִינְדֶער נָאר בִּיז מִיטָאג', אוֹיף אַזַא אוֹפָן וֶועט דִי אַרְבֶּעט זַיין פִיל גְרִינְגֶער.

װֶען אַ מְחַנֵךְ טְרַאכְט: 'וָואס זָאל אִיךְ טוּן מִיט דִי קִינְדֶער אַ גַאנְצֶע וָואךְ?' וֶוערְט דִי אַרְבֶּעט זֵייעֶר שְׁוֶוער. אָבֶּער אַז מֶען צֶעטֵיילְט דִי אַרְבֶּעט אוּן מֶען טְרַאכְט: 'הַיינְט בִּין אִיךְ בְּלוֹיז אַ בִּמְקוֹם, אִיךְ קוּם אַרַיין צוּ דִי קִינְדֶער נָאר פַאר צְוֵויי שָׁעָה; אִיךְ בִּין נִישְׁט דֶער שְׁטְרֶענְגֶער מְחַנֵךְ פוּן אַ גַאנְץ יָאר, נָאר אִיךְ וֶועל זַיין גוּט צוּ זֵיי, אִיךְ וֶועל פְּרוּבִּירְן מְשַׂחֵד צוּ זַיין דִי קִינְדֶער אוּן זֵיי פְרֵיילִיךְ מַאכְן, אוּן נָאךְ הַפְסָקָה וֶועט מֶען זֶען וֶוער עֶס וֶועט וַוייטֶער אִיבֶּערְנֶעמֶען דִי כִּתָּה' - דַאן אִיז דִי אַרְבֶּעט נִישְׁט אַזוֹי שְׁוֶוער.

## נִישְׁט פַארְגֶעסְן צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

פַאר מֶען גֵייט אַרַיין אִין כִּתָּה, אִיז וִויכְטִיג זִיךְ אִיבֶּערְצוּגֶעבְּן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. מֶען זָאל אַרוֹיסְזָאגְן דִי נֶעמֶען פוּן אַלֶע קִינְדֶער פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן בֶּעטְן פַאר יֶעדְן קִינְד בַּאזוּנְדֶער. דֶערְנָאךְ זָאל מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן חֵן אִין דִי אוֹיגְן פוּן מַיינֶע תַּלְמִידִים, אוּן עֶס זָאל זַיין אַ גְרִינְגֶע טָאג"**.

אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט: 'אִיךְ בִּין זֵייעֶר גֶעלוּנְגֶען, אִיךְ הָאבּ אַלֶע טַאלַאנְטְן וִוי אַזוֹי זִיךְ אוּמְצוּגֵיין אִין כִּתָּה'. דֶעמָאלְט מַאכְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז מֶען זָאל נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין; דִי קִינְדֶער וֶועלְן נִישְׁט קוּקְן אוֹיפְן מְחַנֵךְ, זֵיי וֶועלְן זִיךְ נִישְׁט וִויסְנְדִיג מַאכְן אוּן נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן, בִּיז מֶען וֶועט מַמָּשׁ שְׁפִּירְן אַז מֶען וִויל אַרוֹיסְגֵיין פוּן כִּתָּה וֵויינֶען... דָאס קוּמְט צוּלִיבּ דֶעם וָואס מֶען הָאט פַארְגֶעסְן צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אָבֶּער אַז מֶען בֶּעט יָא דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט מֶען גָאר אַ גְרוֹיסֶע הַצְלָחָה.

מֶען הָאט נִישְׁט קַיין הַשָּׂגָה וָואס אַ קוּרְצֶע תְּפִילָּה טוּט אוֹיף אִין הִימְל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן, אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אוּן סִיַּיעְתָּא דִשְׁמַיָּא, אָמֵן.

# בְּרִיוו פוּן חִינוּךְ

פּוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

## וָואס טוּ אִיךְ מִיט מַיינֶע קִינְדֶער וָואס הַאלְטְן נִישְׁט בַּיים אַיינְזִיצְן בַּיים שַׁבָּת טִישׁ?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן הֶערְן אַייעֶרע שִׁיעוּרִים דֶעם פַארגַאנְגֶענֶעם זוּמֶער און דָאס הָאט מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעטוֹישְׁט צוּם גוּטְן אִין אַלֶע הִינְזִיכְטְן, ווִי אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען תּוֹרָה יֶעדְן טָאג, אִיךְ בִּין מַעֲבִיר סֶדְרָה און אִיךְ זָאג יֶעדְן טָאג דְרַיי פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת; אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ מַמָּשׁ ווִי אַ נַייעֶר מֶענְטְשׁ.

אִיךְ הָאבּ גֶעווָאלְט פְרֶעגְן אִיבֶּער דֶעם ווָאס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַלְץ אַז מֶען זָאל דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיּוֹת פַאר דִי קִינְדֶער בַּיים שַׁבָּת טִישׁ, אִיךְ פְּרוּבִּיר דִי לֶעצְטֶע פָּאר ווָאכְן צוּ דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיּוֹת בַּיים טִישׁ, אָבֶּער מַיינֶע קִינְדֶער הֶערְן מִיךְ בִּכְלָל נִישְׁט אוֹיס, זֵיי קְרִיגְן זִיךְ אַרוּם דוּרְכְאוֹיס דִי גַאנְצֶע סְעוּדָה, אִיז דָא עֶפֶּעס אַן עֵצָה אוֹיף דֶעם?

יִישַׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ"א מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מַיין נִישְׁט אַז נָאר דַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען ווִילְד און שְׁפְּרִינְגֶעדִיג וְכוּ', דָאס אִיז דִי גֶעווֹינְטֶע נַאטוּר פוּן קִינְדֶער; גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער שְׁפְּרִינְגֶען און קְרִיגְן זִיךְ בַּיים שַׁבָּת טִישׁ און דִי אַרְבֶּעט פוּן דִי עֶלְטֶערְן אִיז צוּ פְּרוּבִּירְן מִיט אַלֶע חָכְמוֹת צוּ מַאכְן אַז דִי סְעוּדָה זָאל זַיין אִינְטֶערֶעסַאנְט.

ווֶען מֶען הָאט עֶלְטֶערֶע און יוּנְגֶערֶע קִינְדֶער אִינְדֶערְהֵיים דַארְף מֶען מַאכְן דִי סְעוּדָה אִינְטֶערֶעסַאנְט פַאר בֵּיידֶע. מֶען קֶען נִישְׁט פַארְלַאנְגֶען פוּן קְלֵיינֶע קִינְדֶער צוּ זִיצְן בַּיים טִישׁ בְּמֶשֶׁךְ דִי גַאנְצֶע סְעוּדָה, דֶערִיבֶּער אִיז גוּט אַז אָנְהוֹיבּ סְעוּדָה זָאל מֶען מֶער רֶעדְן צוּ דִי קְלֵיינְטְשִׁיגֶע קִינְדֶער, ווַיילַאנְג זֵיי הַאלְטְן נָאךְ מִיט דִי סְעוּדָה, און שְׁפֶּעטֶער ווֶען דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער גֵייעֶן זִיךְ שְׁפִּילְן - זָאל מֶען מֶער פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט דִי עֶלְטֶערֶע; מֶען גֵייט אִיבֶּער דִי פָּרָשָׁה, מֶען פְרֶעגְט יֶעדְן קִינְד אַ שְׁאֵלָה און מֶען פַארְבְּרֵייטֶערְט דֶעם תֵּירוּץ מִיט אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע מִדְרָשִׁים וְכוּ'.

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז מִיט אַלֶע חָכְמוֹת און עֵצוֹת דַארְף מֶען מַאכְן אַסַאךְ תְּפִילּוֹת יֶעדֶע ווָאךְ פַאר שַׁבָּת קוּמְט צוּ גֵיין אַז מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ פְרֵיילִיךְ שַׁבָּת מִיט דִי ווַייבּ און קִינְדֶער. ווַייל דֶער יֵצֶר הָרָע צִיטֶערְט זֵייעֶר פוּנֶעם שַׁבָּת, עֶר ווֵייסְט אַז שַׁבָּת אִיז אַ צַייט ווָאס דֶער אִיד קֶלֶעבְּט זִיךְ צוּ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן און שַׁבָּת בּוֹיט דֶער אִיד זַיין שְׁטוּבּ, זַיין ווַייבּ און זַיינֶע קִינְדֶער, דֶערְפַאר מַאכְט עֶר עֶס זָאל זַיין מַחְלֹקֶת און אָנְגֶעצוֹיגְנְקַייט, אַבִּי דֶער שַׁבָּת זָאל זַיין צֶעשְׁטֶערְט. אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער חִידָ"א זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט אִין סֵפֶר עֲבוֹדַת הַקּוֹדֶשׁ (מוֹרֶה בְּאֶצְבַּע סִימָן ד, אוֹת קמ) אַז עֶרֶב שַׁבָּת קוּמְט דֶער שָׂטָן אִין יֶעדֶע אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ און מַאכְט עֶס זָאל אוֹיסְבְּרֶעכְן אַ מַחְלוֹקֶת צְווִישְׁן מַאן און ווַייבּ; עֶר הָאט זֵייעֶר מוֹרָא ווֶען מַאן און ווַייבּ פַארְטְרָאגְן זִיךְ, בְּעִיקָּר אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, ווַייל ווֶען מַאן און ווַייבּ פַארְטְרָאגְן זִיךְ און לֶעבְּן צוּזַאמֶען בְּאַהֲבָה וְשָׁלוֹם דֶעמָאלְט הָאט עֶר נִישְׁט קַיין שׁוּם שְׁלִיטָה אוֹיף זֵיי, אַזוֹי ווִי דֶער רַבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת מְרִיבָה, סִימָן סו): "בְּמָקוֹם מְרִיבָה שָׁם הַשָּׂטָן", דָארְט ווּאוּ מֶען קְרִיגְט זִיךְ דָארְט אִיז דֶער שָׂטָן; נָאךְ זָאגְט דֶער רַבִּי (שָׁם אוֹת שָׁלוֹם, סִימָן יח): "הַבְּרָכָה בָּא עַל יְדֵי שָׁלוֹם"; אוֹיבּ מֶען אִיז בְּשָׁלוֹם ווֶעט מֶען הָאבְּן בְּרָכוֹת; דֶערְפַאר דַארְף מֶען זֵייעֶר אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן און מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט בֵּייזֶערְן אוֹיף יֶעדֶע קְלֵיינִיקַייט ווָאס פַּאסִירְט, אַזוֹי אַרוּם ווֶעט מֶען נִיצוֹל ווֶערְן פוּנֶעם שָׂטָן און זוֹכֶה זַיין צוּ אַ פְרֵיילִיכֶע שַׁבָּת.

דֶער עִיקָּר זָאלְסְטוּ זֶען עֶס זָאל הֶערְשְׁן אַ פְרֵיילִיכֶע אַטְמָאסְפֶער בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ; אַז דוּ ווֶעסְט זַיין פְרֵיילִיךְ ווֶעלְן אַלֶע פְרָאבְּלֶעמֶען אַוֶועק פַאלְן. קִינְדֶער ווַארְטְן אַ גַאנְצֶע ווָאךְ פַאר'ן הֵיילִיגְן שַׁבָּת - אַ צַייט ווָאס מֶען פַארְבְּרֶענְגְט מִיט זֵיי מִיט שִׂמְחָה און מְנוּחָה.

גֶעדֶענְק אַז אַלֶעס ווֶענְדְט זִיךְ אִינֶעם רֹאשׁ הַמִּשְׁפָּחָה; אַז דֶער טַאטֶע אִיז פְרֵיילִיךְ אִיז אַלֶעס גוּט, און אַז דֶער טַאטֶע אִיז נֶערְוֶועז - דֶעמָאלְט אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער. דֶער טַאטֶע דַארְף נִישְׁט מַאכְן אַן עֵסֶק פוּן יֶעדֶע קְלֵיינִיקַייט, נִישְׁט יֶעדֶע זַאךְ דַארְף מֶען זֶען און נִישְׁט יֶעדֶע זַאךְ דַארְף מֶען הֶערְן; אַז דוּ ווֶעסְט זַיין פְרֵיילִיךְ ווֶעלְן אַלֶע קִינְדֶער הָאבְּן חֵשֶׁק צוּ זִיצְן נֶעבְּן דִיר און זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִיר בַּיי דִי סְעוּדָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(עצתו אמונה חלק ו', מכתב תסא)

חִינוּךְ אַפְּטֵיילוּנְג
אוֹיף קוֹל בְּרֶסְלֶב
צו הערן אלע שיעורים אויף חינוך
פון דער ראש ישיבה שליט"א
אויף קול ברסלב
דרוקט: 1-2-4-2
- שמעו ותחי נפשכם -

צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: chinuchgilyon@gmail.com

קול ברסלב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפּיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363 /קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876